Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פּרייז 20 גראָשען | היינט 8 זייטען.

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכע טאָג־צייטונג

| Nr. 272/1567 | Łódź, Czwartek 22 listopada 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאָדז, דאָנערשטאָג ט כסלו תרפ"ט | Nr. 272/1567 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

# וואַהלען צו דער קראַנקען־קאַסע

## זענען ווידער אָפּגעלעגט געוואָרען.

ווי מיר האָבן שוין מיטגעטיילט איז די ענט־גילטיגע בעשטעטיגונג פון די קאַנדידאַטן ליסטעס צו דער קראַנקען־קאַסע אָפּגעלעגט געוואָרען אויף נעכטן און ביז 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג זענען נאָך אָנגעקומען געוואָרען די נויטיגע דאָקומענטן. אין פערלויף פון טאָג זענען טאַקע נאָך אַריינגעטראָגן געוואָרען פיל דאָקומענטן, וועלכע ס'האָט געפאָדערט דער הויפּט פערזיכערונגס־אַמט אין וואַרשא.

די קאָמיסיע האָט דערווייל נאָכקאָנטראָלירט די ליסטעס און פעסטגעשטעלט, אַז בלויז אַ קליינע צאָהל קאַנדידאַטן האָבן צוגעשטעלט אַלע נויטיגע דאָקומענטן, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען בלייבן אויף די קאַנדידאַטן ליסטעס. אַזוי צ. ב. זענען פון דער ליסטע 2 בעשטעטיגט געוואָרען בלויז 34 קאַנדידאַטען, הגם זיי האָבן דינסטאָג אַריינגעגעבן עטליכע אונזעכציג. אַפילו דער איצטיגער פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג, קאַלושינסקי האָט נישט געקענט צושטעלן די געפאָדערטע דאָקומענטן און איז געפּסלט געוואָרען, פון דער ליסטע 6 (פּועלי ציון) זענען בעשטעטיגט געוואָרען 15 קאַנדידאַטן, פון דער ליסטע 10 (לינקע) — 16 קאַנדידאַטן, פון דער ליסטע 11 — 3 קאַנדידאַטן א. אַז. וו.

אַרום 5 אַ זייגער אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג פון דער פערוואַלטונג, וואו ס'האָט געזאָלט ענטשיידן בעשטימט ווערען דער גורל פון די וואַהלען. אויף דער זיצונג האָט די סאָציאַליסטישע פראַקציע אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג אָפּצולעגן די וואַהלען. די לינקע נ.פּ.ר. ביי וועלכע ס'איז אויך געבליבן זעהר וועניג בעשטעטיגטע קאַנדידאַטן האָבן דעם פאָרשלאַג געשטיצט, נאָך אַ לענגערן וכּוח איז מיט אַ מעהרהייט פון 10 שטימען געגען 8 אָנגענומען געוואָרען דער פאָרשלאַג, אַז די וואַהלען זאָלן אָפּגעלעגט ווערען.

געגען דעם פאָרשלאַג האָבן געשטימט די אינ־דוסטריעלער, כ. ד. און רעכטע נ. פּ. ר. היינט פאָהרט אַרויס קיין וואַרשא אַ דעלעגאַציע פון דער פערוואַלטונג, וועלכע וועט זיך ווענדן צו דער אויפזיכטס־מאַכט, אַז זי זאָל בעשטימען דעם נייעם וואַהל טערמין אויף מעגליך שנעלער.

—:0:—

„קרן היסוד" לאָדז. | פילהאַרמאָניע־זאַל, נאַרוטאָוויטשאַ 20.

זונטאָג, י"ב כסלו, דעם 25. נאָוועמבער ד. י., 9 אַ זייגער אין אָוונט קומט פאָר

# אַפּיציעלע אַקאַדעמיע

לכבוד דער ארץ־ישראל דעלעגאַציע

מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטן די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע:

דיכטער **לייב יפה** מיטגליד פון דירעקטאָריום פון קרן־היסוד אין ירושלים און ה' **שמואל זשוכאָוויצקי** גרינדער און בויער פון דער קאָלאָניע מגדיאל אין א"י.

ווי אויך ד"ר מ. וואַלדמאַן (בערלין), רעד. פון דער „יודישער רונדשוי".

איינגאַנגס־בילעטען שוין צו בעקומען אין ציוניסטישן ביוראָ (צעגעלניאַנע 4) און אין „התאחדות", שענקעוויטשאַ 3/5. 2605

# אויפפאָדערונג.

מיר בעטען אַלע גלויביגע פון אַפּטעקער
**משה קאַרמאַזין,**
ציגעל־גאַס 5

כדי פאַרצונעהמען ענערגישע שריט, זאָלען אַלע פּינקטליך קומען היינט, דאָנערשטאָג, דעם 22 נאָוו. 7 אין אָוונד ביי ה' משה ווינער, נאָוואָמיעסקאַ 4, אין פּריוואַט־וואוינונג.

די גלויביגע. 2629

נעכטען איז אין עלטער פון 52 יאהר געשטאָרבען אונזער לאַנגיעהריגער פערוואַלטונגס־מיטגליד

# נ. ע. יהושע ב"ר מרדכי שמעון ז"ל טרויבע

אין פערשטאָרבענעם פערלירען מיר איינעם פון אונזערע טרייעסטע מיטאַרבייטער.

כבוד זיין אנדענקען!

אַלע מיטגלידער ווערען אויפגעפאָדערט צו בעטייליגען זיך אין דער לויה, וועלכע קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, כדי אָפּצוגעבען דעם פערשטאָרבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואַלטונג פון „לינת הצדק".

אין עלטער פון 52 יאָהר איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען אונזער לאַנגיעהריגער מיטגליד און איבערגעגעבנער מיטאַרבייטער

# נ. ע. יהושע טרויבע

ב"ר מרדכי שמעון ז"ל

אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען זיך צו בעטייליגען אין דער לויה.

די קאָמיסיע פון דער נאַכט־פּאַגאַטאָוויע
ביים „לינת הצדק". 2628

אונזער טייערער פריינדין

# רוזשקאַ פוקס

צו איהר צוריקפאָהרען נאָך אַמעריקאַ־
ווינשען מיר אַ גליקליכע רייזע

טאַלאַ און בנימין זילבערבערג,
מאַשקע און א. וו. יאַסני.

# OGŁOSZENIE.

**Zarząd Kasy Chorych m. Łodzi na posiedzeniu swem w dniu 21/XI r.b. wyznaczone przez Okręgowy Urząd Ubezpieczeń w Warszawie**

**wybory na dzień 25 listopada r. b.**

**postanowił odroczyć**

**ze względu na niemożność przeprowadzenia ich w wymienionym terminie z zachowaniem przepisów prawnych.**

**Jednocześnie Zarząd Kasy postanowił zwrócić się do władz nadzorczych o wyznaczenie nowych wyborów przy wznowieniu wszystkich terminów wyborczych.**

Łódź, dnia 21/XI 1928 roku.

KASA CHORYCH m. ŁODZI

**(—) Dr. E. Samborski**
**Dyrektor.**

**(—) A. Kazimierczak**
**w. z. Przewodniczący Zarządu.**

טיף געריהרט שטעהען מיר מיט געבויגענע קעפּ ביים פרישען קבר פון אונזער אונפערגעסליכען פריהצייטיג־פערשטאָרבענעם חבר

# אשר לייב נירענבערג

(אַרטיסט).

זיין אָנדענק וועט ביי אונז שטענדיג בלייבען.

**לאָדזער יוד. אַרטיסטן־קאָלעקטיוו**
אין „פילהאַרמאָניע". 2618

